בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# ובכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שלח תשפ"ד שנה י | גליון מס' 539


## פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## אמן איז מסוגל פאר רפואה

עס איז היינט זייער אן אפטער זאך אז ווען אידן ווילן מקבל זיין אויף זיך א קבלה טובה זענען זיי זיך מתחזק אין די נושא פון אמן.

די התחזקות נעמט מען אויף אלע ענינים אבער עס איז מער מצוי ווען עס קומט צו עניני רפואה. איינס פון די וועגן ווי אזוי אידן ווען פראווענען די נושא איז מיט א סעודה וואס ווערט אנגערופן 'די אמן סעודה' אדער א סעודת אמנים'.

ביי אזא סעודה וועט מען אנגרייטן א טיש מיט אלע ערליי עסנווארגן ווען יעדער עסנווארג האט זיך זיין אייגענארטיגע ברכה, יעדער וועט מען א ברכה און עס וועט יזך מערן די אמנ'ס.

אסאך ערציילונגען איבער אידן וואס זענען געהאלפן געווארן במשך די יארן ווערט דערציילט אבער עס קען זיין אז נישט אייביג פעלט זיך אויס אז מען זאל מאכן א סעודה, אויב מען שטעלט זיך אוועק יעדן צופרי און מען מאכט א ברכה, כאפט מען אויך אריין אסאך אמנ'ס און ווי דער 'משנה ברורה' זאגט אין סימן [ו כג] איז די מנהג פון מאכן די ברכת השחר בקול רם וועגן דעם, אז מען זאל קענען הערן נאך און נאך אמנ'ס.

אין די קומענדיגע שורות וויל איך ענק מיטטיילן מיט א מורא'דיגע געשעעניש וועלכער האט פאסירט מיט א שטיק צייט צוריק. איך פערזענליך האב מיטגעהאלטן די מעשה פון די נאנט, איך קען אלע אירע פרטים.

די געשיכאכ הייבט זיך אן ווען איך בין געווען אין ירושלים עיה"ק אנטיילנעמענדיג ביי איינס פון די כינוסים פון 'בני אמונים' וועלכע איז פארגעקומען דארט אין די שטאט.

יענער טאג האב איך זיך געפעדערט, איך בין געקומען דאווענען מיט די ותיקין מנין וואס איז דא טעגליך ביים כותל המערבי. איך בין געקומען געווג צייט פאר די נץ, אז איך זאל האבן צייט צולייגן טלית און תפילין מיט א רואיגקייט און קענען פארזאגן די ברכות פאר א איד. זוכנדיג א איד פארוועמען איך קען זאגן די ברכות האב איך זיך באגעגענט מיט א איד וועלכער האט געהאט א הדרת פנים און אים געפרעגט צי ער קען ענטפערן אמן נאך מיינע ברכות. מיט א קענטליכע צופרידנקייט האט דער איד געגטפערט מיין ביטע.

נאכ'ן אפזאגן די ברכות מיט אן אמן האב איך זיך ארומגעקוקט ארום און ארום און געזען אז איך בין נישט דער איינציגסטער דא צו זאגן אמן מיט א חברותא. אויסער מיר איז געווען נאך אסאך אידן וואס האבן געזאגט ברכות איינער פאר די אנדערע. איך האב געקוואלן צו זען ווי די מנהג איז שטארק איינגעגעסן ביי די מתפללים.

איך האב דאן באמערקט אן אינטערעסאנטער זאך. צו דעם איד פארוועמען איך האב פארגעזאגט די ברכות זענען צוגעקומען נאך און נאך אידן. יעדער אין זיין רייע האט געזאגט די ברכות און ער האט געענטפערט אמן. איך האב געטראכט צו זיך אז אין די שול וואו כ'דאווען בלייב איך דאך יעדן טאג צו הערן נאך און נאך אמנ'ס איז דאך א קל וחומר איז אין אזא הייליגער ארט, אין דער לעצט געבליבענער שריד לבית מקדשנו, זאל איך בלייבן און זאגן אמן.

די רייע איז געווען זייער לאנג. דארטן אויפ'ן ארט האב איך אריינגעכאפט אסאך אמנ'ס. שפעטער האב איך געהערט אז דער איד הייסט רבי אברהם מענדלסאן שליט"א. רעדנדיג מיט א איד איבער אים דערציילט מיר דער איד אז דערונטער פון דעם איד און זיין מנהג באהאלט זיך א וואונדערליכער געשעעניש.

נאכ'ן דאווענען בין איך צוגעגאנגען צו דעם איד. איך האב אים געפרעגט וואס איז די מעשה מיט די אמנ'ס און ער האט מיר אנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע.

"איך האב א טייערער איידעם, מיין איידעם איז א טאטע פון אכט לעכטיגע קינדער. איין טאג האט מען אנטדעקט ביי אים א שווערע קרענק רח"ל און די דאקטורים האבן געהויבן הענט ל"ע.

זיין מצב האט צוגעטרעטן צו מיין הארץ. איך האב איבערגעדריידט וועלטן, איך האב געמאכט אלע סגולות פאר אים, איך בין אויך ארום צו גוטע אידן און געבעטן ברכות מיט עצות. זייענדיג ביי א חשובער איד האט ער געהאט אן עצה פאר מיר.

"נעם זיך אונטער אז טאג טעגליך ווערסטו הערן ברכת השחר פון זיבעצן אידן. דער נומער 17 איז דאך כמנין טוב. אז דו ווערסט זיך פירן אזוי ווערסטו זוכה זיין צו זען 'בטוב'.

זיינע ווערטער האט מיר זייער באנומען. מיין טאטע זצ"ל האט זיך טעגליך געפירט צו הערן ברכות פון אנדערע. אויך איך האב זיך אזוי געפירט, איך פלעג גיין צו אסאך מענטשן, אבער נישט צו זיין זיבעצן מענטשן, אבער אז דאס איז דער מצב וועל איך אנהייבן צוגיין צו זיבעצן אידן.

צומארגענס פון די קבלה האב איך זיך גענומען צו די עבודה. איך האב געבעטן פון גוטע אידן צי זיי קענען זאגן מיט מיר אמן. גוטע אידן האבן אנגעהויבן קומען. שוין אין דעם ערשטן טאג האב איך געהאט א סך הכל פון 20 מענטשן און עס האט אזוי ממשיך געווען טאג נאך טאג.

גלייך נאך שחרית האב איך באשלאסן צוגיין אויף א באזוך צו מיין איידעם. ביז היינט פלעג איך אהינגיין מיט וואקעלדיגע טריט אבער היינט בין איך געקומען צוגיין מיט א שטארקקייט, איך האב זיך דערנענטערט צו מיין איידעם און אים אריינגעזאגט אין אויער די פאלגענדע ווערטער: מיין טייערער איידעם ראובן, היינט צופרי האב איך געטון א גרויסער זאך פאר דיינעטוועגן, איך האב געהערט ברכת השחר פון זיבעצן מענטשן פאר דיין רפואה. איך בין זיכער אז אין דעם זכות וועסטו זיך אויפוועקן פון דיין באוואוסטלאזיגקייט און מען וועט זען ביי דיר א גרויסע שינוי לטובה".

איך האב איבערגעזאגט די זאץ עטליכע מאל און דאן האט די וואונדער פאסירט. נאך עטליכע מאל האט געעפענט זיינע אויגן.

"פון יענעם טאג און ווייטער". האט רבי אברהם אויסגעפירט, פיר איך זיך אזוי און איך בין זוכה צו זען אויסטערלישע ישועות.

הערנדיג די מעשה פון אן ערשטער מקור האט מיר זייער באנומען. עס איז געווען ווי א לעבעדיגער גריס איבער די כח פון ענטפערן אמן נאך ברכת השחר.

צוריקפארנדיג פון כותל האב איך געטראכט איבער די כח פון אמן און ווי אזוי עס עפענט אויף די שערי רפואה. עס איז מיר איינגעפאלן א שיינע רמז אין דעם ענין. די גמרא אין מסכת שבת (קיט ב) זאגט אז אמן איז ראשי תיבות פון די ווערטער "א-ל מלך נאמן". ווען מען וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זען אז אויך די ברכה פון "רפאנו" ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "כי א-ל מלך **רופא** נאמן..." אבער מיט א הוספה אז דער רבוש"ע איז דער "רופא". עס קומט אויס אז אין דער ווארט 'אמ"ן' איז דא דער ווארט 'רופא' א רמז אז אמן האט אין זיך די כח מרפא צו זיין אידן און מקרב זיין א רפואה פאר חולי ישראל.

לאמיר מקבל זיין אויף זיך צו זאגן ברכת השחר און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז די געזונטע וועלן בלייבן געזונט און די חולי ישראל וועלן האבן א רפואה שלימה מן השמים.

מיט א קריאה פון "כי א-ל מלך **רופא** נאמן",

שבת שלום!

יעקב דוד מארמארשטיין

אין די תורה'דיגע אפטיילונג פון די 'המודיע' צייטונג איז דער פארלאפענער פרשת קדושים ערשינען א מורא'דיגע מעשה וועלכע עס פארציילט הגה"ח רבי משה יעקב קאנער שליט"א, דער מחבר פון ספר בעל 'שפתי מלך' אויפ'ן רמב"ם.

ער שילדערט אז די מעשה האט ער

**זוכנדיג נאך עפעס האבן זיי מיטאמאל געזען נעבן זיך א קאר פון די דייטשע ארמיי. א שרעק איז זיי באפאלן. זיי האבן שוין געמיינט אז זיי זענען פריי און דא איז דער דייטש נאכאמאל דא. זיי האבן זיך באהאלטן אונטער די ביימער זוכנדיג וואס גייט זיין אבער זעענדיג אז די קאר רוקט זיך נישט פון ארט האבן זיי זיך דערנענטערט צו איר.**



געהערט פון הגה"צ רבי יעקב יצחק אלעזר מייזליש פון ירושלים:

וכך היה המעשה: מיט אסאך יארן צוריק איז פאר הרב מייזליש אויסגעקומען צו באזוכן א טייערער איד אין ירושלים עיה"ק. דער איד האט געהייסן רבי אליהו הערמאן ז"ל.

פאר פרנסה האט דער איד געארבעט אלץ א שניידער, אבער די שניידעריי איז געווען א שלייער. דערונטער פון די שניידעריי האט זיך באהאלטן א טייערער און א דערהויבענער איד, פון די בני עליה.

א יונגער בחור איז ר' אליהו געווען ווען מען האט אים פארטריבן פון זיין הויז אין אונגארן. אינאיינעם מיט נאך אידן איז ער פארטריבן געווארן קיין אוישוויץ. דורך אונטער ערדישע וועגן האט ער מצליח געווען אריינצושמוגלען אין די לאגער זיין תפילין.

טאג נאך טאג, פלעגט ער אויפשטיין זייער פרי און געלייגט תפילין און געליינט מיט איר קריאת שמע און זיך געשטעלט צו די טעגליכע ציילונג.

די שריט איז געווען פארבינדן מיט גרויסע סכנה'ס. עס איז געווען קלאר אז אויב מען דערוויסט אים וועט מען אים גלייך שיסן צום טויט אבער זייענדיג אזוי געבינדן צו די תפילין האט ער זיך נישט געקענט אפרייסן פון איר און מיט אן עקשנות דקדושה האט ער געלייגט יעדן טאג תפילין.

ווייניג צייט האט ר' אהרן געהאט צולייגן תפילין. עס איז נישט געווען קיין צייט פאר אנדערע אידן צולייגן תפילין אבער איין טאג איז איינגעפאלן פאר ר' אהרן א שטארקער געדאנק. קיין אנדערע קענען טאקע נישט לייגן די תפילין אבער אפשר זאל ער פארשלאגן פאר אנדערע אז זיי זענען זיך אנכאפן אין אים ווען ער לייגט תפילין, אזוי ארום וועלן זיי כאטש האבן א שטיקל שייכות אין די הייליגע מצוה פון תפילין.

איינמאל די געדאנק איז געווארן קלאר פאר ר' אהרן האט עס אויסגעפירט אויף למעשה. פאר זיינע נאנטע האט ער מיטגעטיילט דעם געדאנק און טאג טעגליך פלעגן זיי זיך צושטעלן צו אים.

פאר לאנגע מאנאטן האט די מנהג אנגעהאלטן ביז ווען די קריג האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן צו איר ענדע. ווי עס איז ברייט באקאנט האבן די נאציס ימש"ו אויך ביים ענדע פון די קריג נישט נאכגעלאזט פון זייער בארבארישקייט און אנגעהויבן ארויסשלעפן די אידן צו די וועלדער און זיי געשלעפט פאר לאנגע שטרעקעס אין ראם פון דעם בארימטן טויט מארש.

עס איז געווען איינס פון די נאכט אין אייר תש"ה ווען ר' אליהו און זיינע חברים האבן באשלאסן אז זיי האבן שוין נישט קיין כח מיטצוגיין. ווארטנדיג אויף א מינוט ווען די וועכטער זעען זיי נישט האבן זיי אפגעלאזט די גרופע און זענען אריין אין וואלד.

אויסגעהונגערט און ערשעפט פון די אנגייענדע לויפעריי האבן זיי טרעפנדיג זיך אליין אנגעהויבן זוכן עפעס צו עסן צו שטילן מיט דעם זייער הונגער.

זוכנדיג נאך עפעס האבן זיי מיטאמאל געזען נעבן זיך א קאר פון די דייטשע ארמיי. א שרעק איז זיי באפאלן. זיי האבן שוין געמיינט אז זיי זענען פריי און דא איז דער דייטש נאכאמאל דא. זיי האבן זיך באהאלטן אונטער די ביימער זוכנדיג וואס גייט זיין אבער זעענדיג אז די קאר רוקט זיך נישט פון ארט האבן זיי זיך דערנענטערט צו איר.

צו זייער וואונדער האבן זיי געטראפן דארט א טויטער דייטשער זעלנער און פארשטאנען פון דעם אז די סכנה איז פארביי. נישטערנדיג אין די קאר פאר עסן האבן זיי געטראפן אין איר פרישע פרוכט און אויך פרישע קליידער. נאכ'ן שטילן זייער הונגער מיט די פרוכט האבן זיי זייענדיג בארוועסיג זיך אנגעטון די דייטשע קליידער.

אויך ר' אליהו האט אזוי געטון און אריינגעלייגט די תפילין אין די טאש פון די דייטשע מונדירן.

מיטאמאל האבן זיי געהערט שטומען ארויסקומענדיג פון וואלד. נאכאמאל זענען זיי געווארן ווי פארגליווערט פון שרעק אבער דאסמאל האט עס נישט אנגעהאלטן לאנג, זיי האבן דערקענט די קומער, עס איז געווען אמעריקאנער זעלנער.

די אידן האבן זיך געפריידט צו זיי אבער זיי זענען געווען סקעפטיש מיט זיי.

ווער זענט איר? איר זענט דייטשע זעלנער?

די אידן האבן זיי אנגעהויבן זאגן ווער זיי זענען און זוכנדיג נאך נארמאלע קליידער האבן זיי זיך אנגעטון די קליידער אבער די זעלנער האבן עס נישט געוואלט גלייבן.

די מצב איז געווען געפארפול. די אמעריקאנער זעלנער זענען געווארן שטייף, זיי האבן געוואלט שיסן אויף זיי, אבער דאן האט זיך ר' אלי' דערמאנט פון זיין תפילין.

ער האט עס ארויסגעצויגן פון טאש און עס געוויזן פאר זיי. צווישן די אמעריקאנער זעלנער איז אויך געווען א איד. זעענדיג די תפילין האט ער זיי געהייסן דאווענען. ר' אלי' האט אנגעהויבן אויסשרייען מיט זיינע לעצטע כוחות "שמע ישראל ה' אלוקינו השם אחד!".

די געשריי האט דערוועקט די געפילן פון דער אמעריקאנער מיליטערמאן און ער איז געווארן איבערגעצייגט. אזוי ארום איז אויסגעקומען אז די גאנצע אידישע קבוצה איז ניצול געווארן בזכות פון די הייליגע תפילין.

פאר יארן לאנג האט ר' אליהו ממשיך געווען צו לייגן די תפילין. ביים באזוך פון הרב מייזליש האט ער געבעטן פון ר' אלי' ער זאל אים געבן די תפילין. אויך ער האט עס געלייגט און זיך באהאפטן צום בורא כל העולמים מיט די תפילין וואס האט מציל געווען אנדערע אידן ממות לחיים.

## דורך די ברכה איז מען קונה די חזקה

**"וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ וְהַיָּמִים יְמֵי בִּכּוּרֵי עֲנָבִים"** (יג כ)

דער בעל **'חלקת יהושע'** זאגט:

די גמרא אין ברכות (לה א) פרעגט אז לכאורה זענען זיך די צוויי פסוקים סותר. אין איין פסוק שטייט (כד א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" און אין די צווייטער פסוק שטייט (קטו טז) :"וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם"? די גמרא זאגט אז חילוק איז פון ווען כ'רעד צי פאר די ברכה צי נאך די ברכה, פאר די ברכה איז - "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ"נאך די ברכה איז - "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם".

עס קען זיין אז דאס איז דא מרומז אין פסוק. עס שטייט: "והתחזקתם" אז ערשט דארף מען מחזק זיין און מאכן א ברכה אויף די פרוכט און אזוי ארום וועט עס ווערן ענקער'ס און איר וועט קענען מקיים זיין דער: "ולקחתם מפרי הארץ".

'אוצר מכתבי קודש חלקת יהושע' מכתב מב

## די ווערד פון א זאך - ווענדט זיך אין די כוחות וואס מען לייגט אריין אין איר

**"וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ וַיְמַלֵּא אַחֲרָי וַהֲבִיאֹתִיו אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר בָּא שָׁמָּה וְזַרְעוֹ יוֹרִשֶׁנָּה"** (יד כד)

די תורה הק' זאגט אז כלב האט געהאט אן אנדערע רוח? לכאורה איז שווער פארוואס רעדט די תורה נאר פון כלב אויסער כלב איז אויך געווען יהושע בן נון וועלכער איז ניצול געווארן פון די עצת מרגלים?

נאר געט צו פארשטיין דער בעל **'תרומת הכרי'**

**רבי יהודה כהנא:**

מיר ווייסן אז די שכר פון א זאך ווענדט זיך אין די כוחות וואס א מענטש לייגט אריין אין די זאך. אין מסכת אבות (אבות ה כו) זאגן חז"ל: "לפום צערא - אגרא" און דא כאפט א שטיקל חילוק.

אינדערצייט וואס יהושע איז ניצול געווארן דורך די תפילה פון משה רבינו האט זיך כלב אליין געראנגעלט פאר זיין אמונה און איז געגאנגען צו די קברי אבות און ווייל כלב האט זיך געשלאגן פאר זיך אליין איז עס געווען זיין יגיעה.

דער געדאנק איז מרומז אין פסוק אליין: "וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה **רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ**", אז אין אנהייב האט כלב געהאט אן אנדערע רוח ווי דער פסוק זאגט "רוח אחרת" דהיינו אז ער האט יא געוואלט גיין בעצת מרגלים נאר שפעטער האט ער געטוישט זיין מיינונג און זוכה געווען צו "וימלא אחרי", און וועגן דעם האט ער באקומען די הבטחה : "וַהֲבִיאֹתִיו אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר בָּא שָׁמָּה" -אז ער האט באקומען די שטאט חברון פאר זיין נחלה.

'תרומת הכרי' פתח דבר

•

**דער סטאלינער רבי הגה"ק רבי ישראל** האט איין טאג שפאצירט אין שול אריין צום דאווענען אין די באגלייטיגונג פון זיינע חסידים. אונטערוועגנס איז צוגעקומען צו אים א סוחר און אים פארגעשלאגן אפצוקויפן א טייערע מאלעריי.

"דער גאנז אין דעם בילד זעט דאך אויס אזוי עכט, עס איז א הערליכער פאכמאנישער בילד".

דער רבי האט אים נישט געקענט פארשטיין.

"איך קען דאך קויפן אן עכטער גאנז פאר ביליגער".

דער סוחר האט זיך אויסגעבעסערט זאגנדיג אז די לעבדיגקייט פון דעם בילד געט ארויס די געוואלדיגע השקעה וואס דער מאהלער האט אריינגעלייגט אין דעם בילד.

"די פרייז פון דעם בילד איז לויט די כוחות וואס דער מאהלער לייגט אריין אין דעם בילד".

דער רבי האט ממשיך געווען זיין וועג. אנקומענדיג אין שול האט ער זיך געוואנדן צו זיינע תלמידים זאגנדיג אז מען דארף געדענקען די ווערטער פון דעם סוחר, אז די פרייז פון יעדער זאך ווענדט זיך וויפיל כוחות מען לייגט אריין אין איר.

'יינה של תורה' אבות עמ' תשמט

## א זכיה - עסן כדי צו קענען מאכן א ברכה

**"וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ תָּרִימוּ תְרוּמָה לַה'"** (טו יט)

ווען עס פלעגט זיך מאכן אין שטוב פון דער בית ישראל אז א איד האט געדארפט עסן נאך עפעס כדי ער זאל קענען מאכן נאך א ברכה אדער זיך פטר'ן פון א ספק פלעגט אים דער בית ישראל משבח זיין זאגנדיג 'אשריך וטוב לך' און אויספירן אז געווענליך ווערט א מענטש מאכן א ברכה כדי ער זאל קענען עסן. ביי דיר איז פארקערט, דו עסט כדי צו קענען מאכן א ברכה.

מיט די בחינה פלעגט ער טייטשן די ווערטער אין פסוק : "וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ" אז אויך ווען איר דארפט עסן עפעס זאל עס זיין אין די בחינה פון "תָּרִימוּ תְרוּמָה לַה'" - איר זאלט אינזינען האבן עס צו מאכן פאר'ן באשעפער אין די בחינה פון תרימו תרומה.

'פאר ישראל' עמ' תה


גַּבָּאֵי אָמֵן, הַכֶּתֶר שֶׁמְּחַכֶּה לָךְ

**טייערע איד!**

דער זוה"ק (וילך רפו א) זאגט אז 'אמן' איז א געוואלדיגע סגולה, אז עס איז מציל דעם מענטש פון אלע שלעכטס. א רמז דערצו איז דא אין דער פסוק (תהילים לא כד): "אמונים נצר ה'", אז ווער עס איז מקפיד אויף אמן איז זוכה צו א נצירה אז ער ווערט אפגעהיטן פון אלע רע.

"כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ"




זייט אויך פון די גליקליכע און באגליקכט אייך מיט די שמירה המיוחדת. יעצט איז די צייט זיך אנצושליסן אין די גרויסע זכות און זיין פון די מזכי הרבים און זיך איינקויפן אומצאליגע זכותים. שליסט אייך אן אין די אונטערנעמונג און ווערט א 'אמן גבאי'.

**גארטעל זיך אונטער! קום פרי אין שול און הייב אן זאגן די ברכות בצוותא חדא. איר וועט זעט אנדערע וועלן אייך נאכטון - מאכט א מהפכה אין די שול וואו איר דאווענט.**

צו באקומען אינפארמאציע איבער די אונטערנעמונג פולט אויס אן אפליקאציע אין די 'נדרים פלוס מאשין' - מיר וועלן זיך פארבינדן מיט אייך.

# אוצרות אמונים

## די גרויסע סגולה פון אמן עניית אמן

### א גאנצע רפואה בזכות פון 'אמן'

דער בעל שומר אמונים שרייבט אין זיין ספר מורא'דיגע ווערטער בנוגע נאכזאגן 'אמן':

ווען א איד זאגט 'אמן' איז ער זוכה אז עס איז דא אויפ'ן ארט השראת השכינה, פון דער כח איז ער זוכה צו א רפואה שלימה סיי רפואות הנפש און סיי רפואות הגוף.

א רמז אז אמן איז א סגולה פאר רפואה זעט מען דא אין פסוק. עס שטייט אין חומש פרשת בשלח (שמות טו כו): "כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך **כי אני ה' רפאך**"; עס קען זיין בדרך רמז אז דער פסוק איז מדגיש אז די רפואה קומט אן צום מענטש דורך דער "כי אני" - וועלכע איז גימטריא אמן, דורך דעם ווערט מקויים ביי אים דער "ה' רפאך" - אז האט א רפואה אויף זיינע קרענק און עס קומט נישט צו אים קיין נייע קרענק.

('אמרי אהרן' בשלח).

•

עס פלעגט דערציילן איינער פון די חשובע תלמידים פון דער בעל שומרי אמונים **רבי מנחם מענדל לעפקאוויטש** די פאלגענדע געשעעניש:

נאך א שטיק צייט וואס איך האב זיך נישט געשפירט גוט בין איך אריבער צו איינער פון די דאקטורים אויף אן אונטערזוכונג. די דאקטורים האבן מיר באקוקט און א שטיק צייט שפעטער האבן זיי געהאט פאר זיך א שלעכטע בשורה, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך לייד אויף א שווערע קרענק.

עס האט זיך געהערט פון א קרענק וואס מען קען נישט היילן.

ווען איך האב עס געהערט האב איך געשפירט ווי די וועלט איז אונטערגעגאנגען פאר מיר. צובראכן און צעמישט בין איך אריבער צו מיין רבי'ן און אים דערציילט איבער די שלעכטע נייעס וואס איך האב נאראוואס דערהאלטן.

"רבי מיין גאנצער לעבן האב איך אכטונג געגעבן אייביג צו ענטפערן אמן, איך האב זיך אלעמאל געהיטן נישט צו רעדן ביים דאווענען, דער רבי' דארף פועל'ן פאר מיר א ישועה".

דער רבי' הערנדיג דאס האט ער אויפגעהויבן צו מיר זיינע לעכטיגע אויגן און מיר געגעבן א קוק אן זאגנדיג דערביי אז אזוי עס איז ווי איך האב געזאגט האב איך נישט וואס צו זארגן - איך וועל זיין געזונט.

ערמוטיגט פון די ווערטער וואס דער רבי' האט געזאגט בין איך צוריק צו די דאקטורים. איך האב זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן מיר נאכאמאל אונטערזוכן. זיי האבן געמאכט נאך א טעסט און וואונדער, איך בין ארויס ריין, כאילו לא היה.

('חותמו של כהן גדול' עמ' צז).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערטער פונעם בעל הילולא



א בריוו געשריבן בכתב ידו פון רבי חיים הכהן פון טריפאלי

### רבי חיים הכהן מטריפאלי

#### כ"ה בסיוון תרס"ה

אין זכות פון אמן וועט כלל ישראל ארויסגיין פון גלות

דער צדיק רבי חיים הכהן איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי שלמה הכהן אין די שטאט דזשערבא אין טוניזיע אין יאר ת"ר. פון זיינע יונגע יארן האט זיך דערקענט אויף אים זיינע ספעציעלע כוחות הנפש און דערהויבנקייט.

כל ימיו איז רבי חיים געזעסן און געלערנט תורה, ער איז געווען איבערגעלאזט באקאנט מיט זיין אויסטערלישע בקיאות בתורה סיי בנגלה און סיי בנסתר. ווען ער האט אמאל באזוכט אין די שטאט טריפאלי אין ליביע און די ארטיגע אידן האבן געזען זיין אויסטערלישע גדלות בתורה, האבן זיי אים פארבעטן צוקומען דינען אלץ א דיין אין זייער שטאט.

אין יאר תרל"ד איז ער באשטימט געווארן אלץ דיין אין די שטאט, מיט די יארן איז ער דערוועלט געווארן צו זיין דער אב בית הדין און ער איז געווארן די העכסטע תורה'דיגע אויטאריטעט אין די שטאט.

אסאך כוחות האט ער אריינגעלייגט אין הרבצת התורה, מערערע שיעורים האט ער איבערגעגעבן דורכ'ן טאג און ליביע איז בזכותו געווארן בימים ההם א שטארקער מקום תורה. ער האט זוכה געווען צו מחבר זיין צענדליגע ספרים אין אלע מקצועות התורה. צווישן זיי איז דא דער ספר 'תורת חיים' על פירוש רבינו בחיי לתורה; די שו"ת ספר 'דבר המשפט'; די ספר 'דומיה תהלה' אויף ספר תהילים, די ספר 'מצות המלך' אויף תרי"ג מצוות, אויף די ספר דרוקט זיך אויס רבי חיים ברלין אין א בריוו צו דעם מחבר: "ווי מער איך האב עס געליינט האב איך געטראפן אין איר אלץ מער טעם" ('מלכי תרשיש' עמ' רפט).

רבי חיים איז נפטר געווארן כ"ה בסיוון תרס"ה.

### די גאולה וועט קומען
### בזכות פון ענטפערן אמן

חז"ל זאגן אונז אז צוליב די חטא פון נישט ענטפערן אמן איז חרוב געווארן ארץ ישראל און כלל ישראל איז פארטריבן געווארן אין גלות. די הייליגע חכמים לערנען עס ארויס (ספרי האזינו פסקא שכ) פון דער פסוק וועלכע מען זאגט אין די שירה פון האזינו (דברים לב יט-כ): "וַיֹּאמֶר אַסְתִּירָה פָנַי מֵהֶם אֶרְאֶה מָה אַחֲרִיתָם כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם" - דרשנ'ען חז"ל לייען עס נישט 'לֹא אֵמֻן בָּם' נאר: 'לֹא אָמֵן בָּם' - אז זיי פלעגן נישט נאך ענטפערן אמן נאך די ברכה וואס די נביאים האבן זיי געבענטשט.

מיט די חז"ל טייטש דער גאון רבי חיים אויס אין זיין ספר 'דומיה תהלה' אויף ספר תהילים אז בזכות פון מקפיד זיין אויף אמן וועלן אידן זוכה זיין און ווערן אויסגעלייזט פון גלות:

**איין רמז ברענגט ער פון דער מזמור** (תהלים כ ט)**: ווען מען וועט נאכגיין די צווייטע אות פון די דריי ווערטער "ואנחנו קמנו ונתעודד" וועט מען טרעפן דער ווארט אמן. דאס איז א רמז אז ווען מען וועט ענטפערן אמן וועט מען זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט אין פסוק: "ואנחנו קמנו ונתעודד" - אז מען וועט ארויסגיין פון גלות.**

אויף דער פסוק (סח לו): "נוֹרָא אֱלֹקִים מִמִּקְדָּשֶׁיךָ" **איז ראשי תיבות אמן. אויך דארט איז מרומז די בית המקדש אז בזכות פון ענטפערן אמן וועט מען זוכה זיין אז די בית המקדש וועט געבויט ווערן ווייל די פסוק 'נורא אלקים ממקדשיך' גייט ארויף אויפ'ן בית המקדש.**

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com